NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13026

# ZUN-FEYGELEKH

H. Danilyevitsh

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודישע קינדער=ביבליאטעק.

הערשעלע.

I.

# זון=פינגעלעך.

א זאמלונג

## לידער פאַר יודישע קינדער.

פערלאג: לאזער קאהאן.

# Sun-Feugelech.

**Eine Sammlung jüdischer Kinderlieder.**

Geprüft und auch für Ausfuhr freigegeben unter Nr. 16996 K. D. Presseabteilung, Lodz, d. 5. März 1918.

# זון-פײגעלעך.

א מתנה מײַן ברודערן
זוהן שמואל ד.

נעם איך מיר אַ שפּיגעלע,
שטעל מיך קעגן זון;
שפּרינגען זיך זון-פײגעלעך.
אויפ'ן וואַנד הערום.

פליגען ווי די קינדערלעך,
פּאַקען מיט דער האַנד;
ווער איך אַז דאָס שפּיגעלע,
בלײַבט ווי קאַלט די וואַנד.

חישלען ווי פערוואונדערטע,
מײנ'ם כשוף-שײַן:
ס'איז די וועלט אַ רעטעניש —
שפּאַנגעלט איך נאָר מײַן!

# צו דער זון!

ווײַז דיך, זון, די העלע זון,
ווײַז דיך אויפ׳ן הימעל!
ברעך די וואָלקען־כמאַרעס דורך —
וועק די וועלט פון דרימעל...

פרירט אַ פרעסטעל, פאַלט אַ שניי,
קומט אַ ראָב געפלויגען —
וואַרף אויף איהר דײַן בייזען בליק,
ברען איהר אויס די אויגען...

פײַפט אַ שטורם, בלאָזט אַ קעלט —
טרײַבט דאָס אײַז צוזאַמען;
שיק אַראָב דײַן וואַרים ליכט,
שמעלץ עס דורך מיט פלאַמען...

ווערט אַ נעבעל, יאָגט אַ ווינד,
שפריצט אַראָב אַ רעגען;
צײַל זיך אויס דײַן פוטערפאַס —
גילדט איהם אָב די וועגען...

בליהט אַ בוימעל, גרינט די ערד,
כאַפט זיך אויף דאָס טײַבעל;
שפרייט איהם אויס דײַן הייסען שטראַהל,
גרים זיי ליב מיט שמייכעל...

קלאַפט אַ דונער, בלענדט אַ בליץ,
שרעק נישט פאַר׳ן טומעל;
ברעך די וואָלקען־כמאַרעס דורך —
וועק די וועלט פון דרימעל.

## מאַי.

דער הימעל איז לויטער און ריין איז די לופֿט,
עס באָדט זיך די זון, ווי אין דופֿט.

עס שפּיגעלט זיך ליכטיג דער קלאָר־גלאַטער טײַך,
און פּוצט זיך גין־גאָלדען אין רײַך.

עס פֿינקלען די פֿעלדער באַבלומטע אין חן,
פֿאַרצירט אַזוי פֿריש, אַזוי פֿײַן.

יעטוועדערע פֿיהלט זיך באַגײַסטערט און פֿרײַ,
דערפֿרישט און באַגליקט פֿונ'ם מאַי.

## מאַי-גלעקלעך.

די בערגער פֿול מיט אַראָמאַט,
און האָניג-געלב די בעקלעך;
צובליהען זאַנפֿט אין מאָרגען-גלוט,
די פֿרעכטיגע מאַי-גלעקלעך.

די קעפּ געקרוינט אין זילבער-טוי,
פֿון ווינד געקרויזט די לעקלעך;
צעקלינגען לויט אין פֿריהלינגס-גלאָק,
די פֿרעכטיגע מאַי-גלעקלעך.

דאָס לײַב געצירט אין גרינעם זײַד,
די שפּיצען — בונט, און עקלעך;
צעשײַנען הויך אין זונען-ליכט,
די פֿרעכטיגע מאַי-גלעקלעך.

דאָס איז בעכהעדמט; די ליפּען — פֿריש,
באַגורט מיט שטאַנג און שטעקלעך;
באַגריסען שטאָלץ, געשטאַלט אין פּראַנק,
די פֿרעכטיגע מאַי-גלעקלעך...

# ל״ג־בעומר.

ל״ג־בעומר, ל״ג־בעומר,
גײען מיר אין װאלד:
און הוליען, און הוליען,
פרעהליך, יונג און אלט.

די בוימער, די בוימער,
בליהען פריש און גרין;
און מורמלען, און מורמלען,
מעשה׳לעך אהן זין.

די פױגעל, די פױגעל,
שװעבען פראנק און פרײ;
און פיפצען, און פיפצען,
לידעלעך אלערלײ.

מיר שפאנען, מיר שפאנען,
פײל און בױגען אויף;
און צילען, און צילען,
טרעפען הויך ארויף.

פיף און פאף —
הים און טראף,
שיסט מען און חער חײם;
לויפט אװעק,
אריין פאר שרעק —
פלאטערט מען פון פרײד.

# זומער.

די ערד איז גרין, די ערד איז בונט,
דער הימעל בלוי און לויטער;
די זון צעבלאַמט אין פייער-גלוט,
דער מורח ברענט אַרין רויטער.

די גרויע שאָטען בעדעד אויף פעלד,
אין האַלד די באָרדע פלעקען;
צוהוידען צאַרט אין פאַרבען-טויש,
אין גרינס זיך צו בערישטעקען.

די פוהרען-הײ אין פולען גאַנג,
די פויערים בײַ די ווייצען;
בעוועגען זיך מיט קורצע טריט —
די פערד אין שפאַן צורייצען...

די מידע ווייבער — נעבען שוועל,
די קינדער — זיי צוביסען,
דערהויבען זיך מיט פרישען מוט,
די טאַטעס צו בעגריסען.

די ציג אין הויף, דאָס קאַלב אין שטאַל,
צובלעקען מיט תחנונים — — —
עס ווייזען זיך די קיה צום מעלק,
און שטעלען זיך ביים ברונעם.

# אַ בעגינע.

אַ הינטעל צופּעט וואַכט פֿונאַנדער,
אַ ליפּטעל גיט געהיים אַ בלאָז;
און וועלען שלענגלען, וועלען הויכען,
און שטיל צו־הויכט זיך ס'יונגע גראָז.

דער נעבעל רוקערט לייכט פֿונאַנדער,
דער טוי צושימערט העל און שיין;
און דורך די וועגען, דורך די ביימער,
פֿרעט וויכער פֿריש דאָס לעבען איין.

די שטילקייט ניכטערט לייכט פֿונאַנדער,
צו־זיבעלט פֿונטער אַלץ פֿון שלאָף:
און אויף די שטעלער, אויף די הויפֿען,
בעוועגט זיך פֿרום די העדרע שאָף.

אַ הינדשעל האַחקעט לויט פֿונאַנדער,
עס מעקעט איינזאַם, ווייט אַ קוה:
און איבער דערנער, איבער קוימען,
צוקייקעלט בלוי אַ רויך אין רוה...

אַ ליבע וואַרים שפּרייט פֿונאַנדער,
פֿערלאָכט, וואָס הייסער מיך אין ווענ;
וואוהין? וואוהין? — איך וויל נישט וויסען,
צו־ווען? צו־וואָס? — נישט פֿרעג, נישט פֿרעג.

# אַ זומער־טאָג.

די זון איז צעפֿלאַקערט, די זון איז צעברענט,
עס באַקען די שטראַהלען און פֿלאַמען;
די דעכער צעגלויען, עס קרימען די ווענד,
עס שמעלצען די שינדלען צוזאַמען.

עס גלידען די שטיינער, די שוועלען און גאַס,
עס פֿרעגערט דער אָטעם דערשטיקענד;
עס רינעלט בײַם ברונעם דאָס הילצערנע פֿאַס, —
דער באָדעם צעלעכצט זיך צעטריקענט.

די לעדען, די פֿענסטער צעדרעדעטע פֿון היץ,
צעשפּאָלטען דער קיט אין די שויבען;
דער עולם צעפֿרעגעלט, געבראָטען אין שוויץ,
די ווײַבער אַוש טרײַסלען די הויבען.

אין מאַרק די חזירים, בײַם קרעטשמע די פֿערד,
צעפּרײַכען פֿערמאַטערט אין סאַפּען;
די גוים, די גויעס, צעלעגט אויף דער ערד,
בעשאָטענט פֿון וואָגען צעקאַפּען...

די קינדער אין חדר צעוויטעלט אין הײַס,
דער רבי צעהאַרימט דעם שטערן;
די אָפּענע ספֿרים פֿײַכטעלען פֿון שווייס —
קיין בלעטעל נישט איבערצוקעהרען.

די ליפּעלעך ברוגז, די אייגעלעך מיד,
די הויזען צעשפּליטט, אָהן קנעפּלעך;
פֿערהאַוועט צום באָדען — ווי ס'שלעפּט זיי און ס'ציהט
געוועהנדט צו דעם דרויסען די קעפּלעך...

# קינדערעד.

זומער-לעבן, אין געסעלע,
ליכטיג איז און ווארימליך;
אויפ'ן פיטער-פעסעלע
פלאַמט די זון הערבאַרעמליך.

נאַקעט, אין די העמדעלעך,
זיצען ליב די קינדערלעך;
שפּילען זיך אין זעמדעלעך,
אַזוי פיין און האַנערליך.

די בעחנטע לעקעלעך,
גלאַנצען בלאַנק און קרייזעלעך;
טויענד טעם די בעקעלעך,
בליהען, ווי די רויזעלעך.

די צופרענטע אויגעלעך,
פרעהליך אַלין אַנקוקענדיג,
פונקלען ווי ביי פויגעלעך —
זיך פון הימל דערקוויקענדיג...

יעדער מיט די הענדטעלעך,
גראַבט זיך אויס אַ גריבעלע;
קלעבט אַהים די ווענדטעלעך, —
מויערט זיך אויס אַ שטיבעלע.

דעקט מיט שטרוי זיין באַטקעלע,
צוימט עס איין און הויפעלע,
שאַפט זיך באַלד אַ מאַטקעלע,
אויף אַ טיך — אַנ'עוםעלע.

זוכט זיך אויס אַ פערדעלע,
שטעלט עס פאַר אַ טישעלע;
חפט צינויף אַ סעודה'לע —
פרייט זיך מיט'ן קרישעלע.

סטרויעט מען א בעקערײַ,
מ׳קנעט פון ליים די שטריצלעך;
ווערט א גאנצע בעקערײַ —
יעדער וויל צו פיצעלעך...

עפנט מען א קרעמעלע,
אין׳ם שענסטען דירה׳לע —
פאר׳ן בעסטען וועמעלע,
צאהלט מען א פאפירעלע.

אזוי פוהרט זיך סקרעצעלע,
נאר געבעל-הבית׳י ווען!
ביז מען כאפט א טענצעלע,
און ארן ווערט צוטראטעוועט...

# שבועות׳רעד.

קויף איך מיר שבועות׳לעך —
ס׳עטיבעל אויסצוציהען:
קלייבען זיך די קינדערלעך
נעבען די קוואטיהען.

טרעט איך נאהנט צום פענסטערעל,
ווייט אהם די שויבען:
רייסען זיי די קנעפעלעך
קענען מיר נאך איבען.

שטעל איך אויס די מיליציע —
רײַטער און סאלדאטען:
שרעקען זיי — די ביקסעלעך
זאר זיי נאר נישט שאדען...

סדר איך די חיהלעך:
לייבן, טיגער, בערן;
ביילען זיי די פויסטעלעך —
שמשונ'ס גלייך צו הערצן....

אקסן, קיה און קעלבעלעך,
לעמער, שאף און ציגן;
שנוקען זיי די ליפעלעך,
מעקען — אַ בענטשעניען...

היק איך ענג די פויגעלעך,
פראנק און פריי אין רייהע;
הייבען זיי די פיסעלעך,
פיפצען — אַ מחיה...

פאר איך האלף איז שעפסעלע,
הירשען ביי די זייטען:
קלאטשען זיי די הענטעלעך:
ס'איז משיח'ס־צייטען!...

פלאמט די זון אין הימעלע,
הילעכט אים „אקדמות";
ריטשלען זיי די בעקעלעך,
ווארטען אויף נחמות...

קלעב איך גרינס און גרעזעלעך,
פרעכט אַ מגן־דוד:
הילען זיי צופרידענע —
מאכן איהם לכבוד!

אַזוי קוועל איך שעהענלאַנג,
שפיל מיך מיט די קינדער,
ביז עס קומט דער מאמענע,
קישט מיך פאר'ן ווינדער...

# אין וואלד-גן-עדן.

ווידער גרין און ווידער העל,
ווידער גראָז און בלימען;
איך צעשמייכעל זיך און קוועל,
פֿרעהליך דורכגענומען...

איך דערהייטערט און פערלויף,
אינ'ם וואלד אַריבער:
קלעטער דרייסט א בוים ארויף —
קוק די געגענד איבער...

איך דערפרייע מיך אין שמאַנק,
שפרינג פון בוים אַהינטער:
פלעכט פֿונאַנדער בונט א קראַנץ
פֿיל מיט בלימען, — מינטער!

איך צעהילע מיך, צוזינג
פֿיל מיט פערגעניגען:
פֿיהל מיך לייכט, פריש און יונג,
לעבעדיג פון נייען.

שוואַלב און פויגעל פראַנק און פריי,
העלפען מיר אין פרייהען,
איך בעגייסטער מיך דערביי,
פלאַטער אין גן-עדן...

## אויפ'ן בריקעל.

שטעה איך אויפ'ן שמאָלען בריקעל,
קוק צום וואַלד אַהינטער;
זעה איך, ווי די זון אין הימעל
געהט אין מערב אונטער.

קריך איך איבער דעם געלענדער,
שמייכעל איהר פון ווײַטען;
ווענדט די אַב פון מיר דאָס פּנים,
טראָגט דיך אַב בעצײַטען.

גלײַך איך אויס דעם קאָפּ, די פּלייצעס,
גרים איהר מיט די בליקען;
כאַפּט איהר ישראל מיך פאַר'ן אויער:
וואָלסט מיר נישט נאָכקוקען...

## אין שטראָם.

דאָס טײַכעל שוימט,
דאָס וואַסער שטראָמט,
די וועלען לויפען, יאָגען:
עס שווימט אַ באָר,
פון קרויזען-האָר,
געשוואַיקען און געצוואָגען.

אַ ווינטעל קיהל,
צווינגט דיך שטיל,
און קעמט זי גלײַך אין לאָקען;

אין פלעכט זיי אוים,
אין זילבער שטרוים,
פערציטערט אין צישראָקען...

אַ זון־געשטראַהל,
פערכאַפּט אַ האַל,
אין גילדט איהר אָב די ברעמען;
די שעמערדט,
פֿון ליכט געצירט,
די שוועסטער צו בעגרישעמען.

עס שטורמט אויף,
אין ווילד געלויף,
אַ מחנה שפּליטער־שפּריצען:
אַ פּערל־קראַנץ,
אין פינטען גלאַנץ,
דעם חעג זיי צו פערבליצען...

עס שפּרינגט אַהער.
פֿון ווייט אין קווער,
אַ חייל פריש געטראָגען;
דאָס טייכעל שוימט,
דאָס וואַסער שטראָמט,
די וועלען לויפען, יאָגען...

# די גרעגערהע.

## (לעגענדע).

אינ'ם קליינעם וועלדעלע,
נעבען שטילען טייכל,
וואוינט א כשוף-מאכערין,
אין איהר גרינעם היכל.

זמער-לעבן, די קינדערלעך
גליסט זיך באדען, שווימען, —
ווערט מען אפט פערצאפעלטע,
פאר איהר ווילדען ברומען.

— דארטען וואוינט א גנבטע —
נעהמט מען זיך פערשמיסען, —
וואס פערגנבעט יונגעלעך,
אין דערטרינקט אהן וויסען.

יעדער בלייבט אין ציטערניש,
שרעקט זיך אונטערטיקען, —
בלעזעלען זיך די וועלעלעך,
אפשר איז מכוון....

נאר איין אייזיק-וועלוועלע,
ווייס נישט פון קיין מורא —
ווייזט זיך מיט זיין בריה'שאפט,
רייצט זיך מיט דער „סחורה"...

איינמאל דאך, ל"ג-בעומר-צייט,
האט ער זי געפאנגען:
ווער עס איז די גרעגערקע
איז מען באלד דערגאנגען.

דעמאָלט װערשט צובריװנגע,
פלעגען מיר צולאַכען:
פּרובען אונז די עלטער'ן
פּחד אָנצומאַכען...

אָבער, גראָד אין תשעה-באב,
מ'האָט זיך פריש געבאָדען,
האָט די אײַזיק-װעלװעלע'ן
צו דעם דין געלאָדען...

פּראָװעריגע, בעראַמערטע,
פלעגט מען זיך צוקװעדיגען:
װען מען געדט אונז מיסר'ן
ד'מעשה אונז דערצעהלען:

אונם קרײנעם װעלדעלע,
נעבען שטילען טײַכעל,
װאוינט א כשוף מאַכער'ן,
אין איהר גרינעם היכל.

# אין װאַלד.

דער װאַלד איז בערצװײפעלט,
דער װאַלד איז פערטרויערט: —
עס האָט איהם צו-װעניג
דער זומער געדויערט.

עס קראַכען די ראָבען,
עס ברומען די װינטען,
עס קנאַבצען די דעמבעס,
עס זיפצען די לינדען.

עס הערט זיך א הײלען,
עס װײנט און עס ליערט;
דער װאַלד איז פערצװײפעלט,
דער װאַלד איז פערטרויערט...

# הערבסט.

די אלול-נאַכט איז שוואַרץ און גרוי,
עס זעהט זיך נישט קיין שטערען;
דער הימעל שלאָפט און בענקעניש,
און שטיקט אין זיך די טרערען.

די גאַסען קוימען, פּוסט און נאַס
פון טרויער דורכגענומען;
בעוואַשען זיך אין ציטערניש,
און שווײַגען שטיל און שטומען.

די לאַמפּען-פלעמלעך ברענען טריב,
ווי אימעטיג די שײַנען!
עס נעהמט אַדורך א קעלטעניש,
מען קען פון צער נישט וויינען...

# רעגען.

עס גיט א קנאַק אַ דונער,
עס פלאַקערט אויף א בליץ;
יעטוועדער ווערט דערציטערט,
געקלאַמערט פונ'ם היץ.

מען קוקט אַרויף צום הימעל,
מען מורמעלט עפּעס טריב;
עס פאַלט אַראָב אַ רעגען,
און פרייסט אונז אוי' ליב...

# מײַן מזל.

אויף מײַן קלאָרען העלען הימעל,
װײַזט זיך מיר אַ װאָלקען-פֿלעק:
איך דערציטער פֿאַר'ן נעבעל —
פֿאַר מײַן מזל האָב איך שרעק.

דאָך דער נעבעל װערט צערינען,
פֿאַר מײַן ציטערדיגען בליק;
און מײַן הימעל שײַנט מיר װידער —
גליקליך איז מײַן מזל צוריק.

# דער ערשטער שנײ.

דער ערשטער שנײ, דער ערשטער שנײ,
איז אויפ'ן גאַס געפֿאַלען:
און אַלע היקענס ציטערען,
מען הילט זיך אין די בעטעכען —
אַנ'אַנדער זון װעט שטראַהלען!...

דער ערשטער שנײ, דער ערשטער שנײ,
און קינדער אויגען בליצען:
מען גרײט זיך צו די שליטעלעך, —
מען קויפֿט פּאַפּיר און ליכטעלעך —
לאַמטערען זיך צו שניצען...

דער ערשטער שנײ, דער ערשטער שנײ,
עס הוידלען די געבריטען:
די יונגע שטיפֿען, הוליגנען,
זיך הײמיש צו פֿערמוליגען —
עס װעט באַלד געהן דער שליטען.

דער ערשטער שנײ, דער ערשטער שנײ,
מען שפּאָרט קײן האָלץ און פֿײַער:
די באָבע זיפֿט די בעדערען,
ס'װעט אַרבּײַט זײַן פֿאַר יעדערען —
די מעשׂות װעלען טײַער!...

# חנוכה.

קומט דער ליבער חנוכה,
צינדט מען אָן די ליכט;
האַלטען אום די קינדערלעך,
פרעהליך אויפגעריכט.

לעדיג גאַנצע אָוענדען,
פריי פון חדר־יאָך;
הוליעט מען איף קערמישען,
נאָר די גאַנצע וואָך.

טיף פערחזקט די באַשליקעס,
וואַרים אָנגעפּעלצט:
שפּאַנט מען צו די אייגענע,
פון'ם יונגסט ביז עלטסט.

איינגעהייצט אין אויוועלע,
ליכטיג אין געצעלט;
קלויבט מען זיך אין חברה,
הייזט מען זיך דאָס געלד...

שמעקט פון פאַן מיט לאַטקעלעך,
פרעגעלט זיך דאָס שמאַלץ;
כאַפּט מען זיך צום שפּילעניש,
קריגט מען זיך אין אַרין.

אויפ'ן טיש דאָס טרענדעריל,
אויפ'ן טאַץ דעם קאָהן;
קוקט מען אויף די אותיות —
וועמען וואַנט עס אָן?

מאַכט זיך נאָר אַ שטיינערל, —
הערט מען'ס אויס געשיקט;
שמעלט זיך גראָד אַ טרעפּעניש —
פיהלט מען זיך בעגליקט...

גערט עס איינעם אימעטיג,
פאלט אידם שלעכט דער גאנג;
בריה'ן זיך די עלטערן —
לאזען נישט אין צוואנג....

פיל די טאש מיט גראשענעם,
גריזען אויפ'ן טיש:
פראזעט מען די ווישטשעריע
אב, געזונד אין פריש.

דרויסען קנאקט א פראָסטעלע,
באלד א שניי געדיכט — — —
האלטען אים די קינדערלעך,
פרעהליך, אימגעריכט...

## שנייערע.

זילבערנע שנייעלעך,
לויטערע פלישערלעך:
העלע מטבע'לעך,
הייסענע צוויטערלעך.

צעהנערלעך קליינינקע,
קליינערלעך ליכטיגע:
קיקעלעך רייענקע,
הערליכע, ציכטיגע.

פלאטערנדע פליהערלעך,
שטעהענדליך פאלענדע:
פינטעלעך, גליהערלעך —
גלאנציגע, שטראהלענדע.

צאצקעלעך פינקלענדע,
סודות'דיג שפילענקע,
גלענצערלעך שמינקלענדע, —
פראסטינע, קיהלענקע...

# ווינטער.

שנייעליך, פריזערליך, שיטען און שיטען,
הילען אַלין דיכטער און ווייסער:
קינדערליך ליבענדע שליטען ביי שליטען,
מיילען זיך, יאָגען זיך הייסער.

אייגעליך, פייערדיג בלינצלען און פלאַמען,
הערצעליך קלאַפען און קלאַפען;
ליפעליך שמייכלענדע, ציהען צוזאַמען,
קענען דעם אָטעם קוים כאַפען.

פנימלעך, ליכטיגע, רויטקען און קהעלקען, —
הנדלען זיך ליבער און ליבער:
פרעהליכע, לוסטיגע, יובלענדע טרעקען,
גריסען זיך, הינקען זיך איבער.

פּאָדקאָוועס, בלאַנקענדע, פלעסקען און וועקען.
גלעקעליך קלינגען און קלינגען:
טויזענדער לאַכענדע קולות ענטפלעקען,
פליהען און טומעל פערשלינגען.

רידערעדיג, לעבעדיג, טריטען נאָך טריטען,
זיפצען די פערד מיט די שמייסער:
שנייעליך, פריזערליך, שיטען און שיטען,
הילען אַלין דיכטער און ווייסער.

# די בייזע שוואַרצע קראָה.

ווייסער שניי און ווייסער פראָסט,
אַלץ אַרום אין ווייסען;
נאָר די בייזע שוואַרצע קראָה,
פלאַטערט, ווי צעפליקען.

גרויער אייז און גרויער באַן,
אַלץ אַרום אין גרויען;
נאָר די בייזע, שוואַרצע קראָה,
לויערט — נישט צו טרויען...

קאַלטער טוי און קאַלטע לופט,
אַלץ אַרום אין קאַלטען;
נאָר די בייזע, שוואַרצע קראָה,
קראַקעט ווילד, בעהאַלטען...

ווילדער־ווינד און ווילדער־שטורם,
אַלץ אַרום אין ווילדער;
נאָר די בייזע, שוואַרצע קראָה,
זעגעלט פריי און זיכער — —

# 2 פייגעלעך.

2 פייגעלעך אין ווינטער –
פראָסטיג איז געווען, —

האָבען זיך הערעהן
און פענסטערעל אָפגעגען.

און שטעגעלע צעבריהען,
ווארים אויפ'ן ברוסט,
הויעט אינם מיט לוסט,
איך קעטענדליגך א קוסע.

דאָס טריטערען איז פרעהליך,
גליקליך קלינגט די שטים,
אויפ'ן הויף אַרום
דאָס צוויטשערען פערהילעכט...

דאָס אַגרעתע אויף דרויסען —
פרייעריג און נעדיהרט,
ציטערט קראַנק און פרידהרט
און קרעמעניש און הונגער.

דאָס יאָמערען איז ביטער,
שרעקליך איז די פרעהדר:
הינטער קומט אַהער
דאָס מורמעלען צוזעהמאַגט...

ווי חלומען און בענקען —
ער און זי אין הארץ;
יעדער מיט זיין שמאַרץ
פון עלענדקייט פערחלשט...

# דעם בוים׳ס סוף.

נישט ווייט פון וועג אין מיטען פעלד,
געפרווידרען פון דער גרויסער וועלט,
שטעהט איינזאם שטיל א חיסטער בוים,
פערחלומ׳ט, הי אין מיטען פרוים.

עס פאלט אראב א ווייסער שניי,
בעקליידט איהם אין תכריכים-ניי;
ער בויגט זיך הויך צו דער ערד
און בלייבט אין עולמות פערקלערט.

עס קומט אדער א שווארצע קראָהע,
און זאגט איהם אָן: די פראָסט איז דאָ!
ער צאפּעלט-אויף און קריכט זיך אויס
און לאזט א שטימען זיפען ארויס.

עס גיט א בלאסק א שארפער האַק —
ער ציטערט אויף און גיט א קנאק,
צעטרייסעלט מיט א ביין נעבעכס
און פאלט אנידער טויט און שטום.

# בעלי-מלאכות.

## 1.

## אַ שוסטער.

— וואָס איז דאָך אַ שוסטער?
— אַ וואוילער בעל-מלאכה;
פאַר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל-ברכה:

שטעכט די נאָדעל, קלאַפּט די שפּיליען,
ציהט די דראָטווע גיך:
מעג מען שפּרינגען, לויפען, איילען,
און די בלאָטעס טויזענד מיילען —
בלייבען גאַנץ די שיך.

אַזוי שטעכט ער, שפּילט ער,
שפּאָרט קיין וויקס, קיין גלאַנץ;
ביז מיר האָבען שטיבלעך
פּשוט צום דעם טאַנץ.

ר ע פ ר י י ן:

וואָס מען איז און ווער מען איז,
לערנט אַ מלאכה;
אַרבייט מאַכט דאָס לעבען זיס,
אַרבייט איז אַ ברכה.

## 2.

# אַ שניידער.

— וואָס איז דאָס אַ שניידער?
— אַ וואוילער בעל-מלאכה;
פֿאַר דער וועלט און מענשען
פֿיל מיט מזל-ברכה:

פּרובט די נאָדל, פֿעדעמט פֿאָדעם,
נעמט לייכט אויף מאַשין;
טראָגט מען ווינטער וואַרימע בגדים,
דאַנקט מען אים פֿאַר זיינע חסדים,
שענקט מען טריַן וויַן וין.

אַזוי שערט ער, נייעט ער,
פֿיל מיט מיה און פֿלייס;
ביז מיר טראָגען קליידער,
וואַרים, נייַ און וויַיס.

רעפֿריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

## 3.

## אַ בעקער.

— וואָס איז דאָס אַ בעקער?

— אַ וואַילער בעל־מלאכה;

פאַר דער וועלט און מענשען

פול מיט מזל־ברכה:

קנעט דאָס טייג און פלעכט דעם קוכען,

וועלגערט מצות אויס;

חלות, לעקיך צום בערזשיגען,

טאָרט און קיכעל — פאַר משיח'ן —

טויזענד טעם הערויס...

אַזוי קנעט ער, פלעכט ער,

באַקט און היצט דאָס ברויט;

ביז מען איז געזעטיגט

און מען ווייס קיין נויט.

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

## 4.

## א טישלער.

— וואָס איז דאָס אַ טישלער?
— אַ וואוילער בעל-מלאכה;
פאַר דער וועלט און מענשען
פיל מיט מזל-ברכה:

פיהרט די זעג און שפּאַנט דעם היבעל, —
רייבט און גלעט דאָס האָלץ;
שענק און בעטען אינ'ם שטיבעל,
טיש און בענק, דאָס גאַנצע מעבעל,
איז זיין רוהם און שטאָלץ.

אַזוי זעגט ער, היבעלט,
פּאָלעטורט און שניצט;
ביז מען האָט די ווירטשאַפט
הערליך אויפגעפּוצט.

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

## 5.

## א שמידער.

וואס איז דאס א שמידער?
— א וואילער בעל־מלאכה:
פאר דער וועלט אין מאגניטען
פיל מיט מזל־ברכה:

הויבט די צוואנג און קלאפט דאס אייזען,
אזוי לאנג ס'איז הייס:
לאמט דאס פערד און מיטען ריינען,
מוז מען דאס פון שמידען הערליינען —
שמידט מען דאס אויפ'ס ניים.

אזוי שלאגט ער, הילכט,
שוויצט דעם פערד די טריט,
ביז מיר קענען ווייטער,
אין גאלאפ רעדמיט...

רעפריין:

דאס מען איז אין ווער מען איז...

# אינהאלט:


זון-פייגעלעך — — — — — 3

צו דער זון — — — — — 4

מאי — — — — — — — 5

מאי-גלעקלעך — — — — — 5

לג-בעומר — — — — — 6

זומער — — — — — — 7

א בעגעגן — — — — — 8

א זומער-טאג — — — — — 9

קינדערלעך — — — — — 10

שבועות׳לעך — — — — — 11

אין וואלד-גערטן — — — — 13

אויפן בריקעל — — — — 14

אין שטראם — — — — — 14

די גרענערקע — — — — — 16

אין וואלד — — — — — 17

הערבסט — — — — — — 18

| | |
|---|---|
| רעגען | 18 |
| מײַן מזל | 19 |
| דער ערשטער שנײ | 19 |
| חנוכה | 20 |
| שנײערעך | 21 |
| ווינטער | 22 |
| די בתולה, שווארצע לאה | 23 |
| צווײ פײגעלעך | 23 |
| דעם בוימס סוף | 25 |
| בעלי־מלאכות | 26 |